**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז געזעץ וואס פארברייטערט רעכטן פון עלטערן ביים ארבעטספלאץ איז יעצט אין קראפט**

***געזעץ פאדערט פון ארבעטסגעבער צו צושטעלן פלאץ ספעציעל צוגעשטעלט צו זיכערערהייט ארויסנעמען מאמע מילך***

גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט אז א נייער געזעץ איז היינט אריין אין קראפט, פאדערנדיג פון אלע ארבעטסגעבער צו צושטעלן פארברייטערטע אקאמאדאציעס צו קענען ארויסנעמען מאמע מילך. דער געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול [לעצטע דעצעמבער]() פאדערט אויך פון ארבעטסגעבער צו אננעמען א פאליסי וואס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אוועקשטעלנדיג רעכטן פאר ארבייטער ביים ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ. די נייע פאדערונגען פארזיכערן אז אלע ארבייטער האבן די זעלבע זיכערע און ריינע אקאמאדאציעס איבער די סטעיט.

"אונזערע ארבעטספלעצער מוזן אפפערן זיכערע, ריינע און באקוועמע פלעצער פאר ארבייטער וואס נוירסן צו קענען ארויסנעמען די מילך אין פריוואטקייט און בכבוד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן פאדערן ארבעטסגעבער צו צושטעלן אקאמאדאציעס פון א הויכע קוואליטעט, וועט דער געזעץ פארשטערקערן די זיכערהייט פאר ארבייטער וואס נוירסן און עס וועט פארברייטערן העלטקעיר באשיצונגען און אקאמאדאציעס פאר נוירסן."

דער געזעץ פארלאנגט פון אלע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט צו צושטעלן באקוועמע, פריוואטע נוירסן פלעצער ביי די ארבעטספלאץ, מיט זיצן, א טיש אדער א פלאכע אויבערפלאך, אן עלעקטריציטעט שאלטער און דערנעבנדע צוטריט צו קראן וואסער. ארבעטסגעבער מוזן ערקלערן פאר זייערע ארבייטער זייערע רעכטן צו ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ דורכן געבן פאר אלע ארבייטער די נייע פאליסי. די פארבעסערטע פאליסי פארזיכערט אז אלע ארבייטער זאלן פארשטיין זייערע פאראנטווארטליכקייטן און אז אלע ארבייטער זאלן וויסן זייערע רעכטן איבערן ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ. די אנווייזונגען זענען די מינימאלע סטאנדארט וואס אלע ארבעטסגעבער מוזן נאכקומען. ארבעטסגעבער ווערן געמוטיגט צו צולייגן נאך אקאמאדאציעס ספעציעל פאר זייער ארבעטספלאץ און די באדערפענישן פון זייערע ארבייטער.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז מיר זאלן באשיצן און שטיצן ארבעטנדע עלטערן ווען זיי זענען ביים ארבעט. צושטעלן א זיכערע און אריינגעמיגע אטמאספערע וואס אקאמאדירט די באדערפענישן פון ארבייטער וואס נוירסן איז נישט בלויז א לעגאלע פאדערונג נאר א יסודות'דיגע געביט פונעם פלעגן א געזונטע און גלייכע ארבעטסקראפט. די נייע פאליסי שאפט אן אטמאספערע וואס רעספעקטירט די רעכטן און וואוילזיין פון אלע ארבייטער, שטופט ארבייטער צו בלייבן ביים ארבעט און פלעגט א מער אריינגעמיגע און פראדוקטיווע ניו יארק סטעיט ארבעטסקראפט."

די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט האט אפגעהאלטן א פרעסע קאנפערענץ ביי די ראטשעסטער אוניווערסיטעט'ס Medicine Orthopedics and Physical Performance Center ביי די Marketplace Mall היינט 10:30 אינדערפרי צו איבערשמועסן די איינצלהייטן פון די פאליסי צוזאמען מיט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט. די ראטשעסטער אוניווערסיטעט האט דעזיינט זייער אייגענע נייע איינריכטונג צו האבן עטליכע מילך צימערן וואס שטייגן איבער די סטאנדארטן פון די נייע פאדערונגען.

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגער העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אלץ א קינדער דאקטאר, ווייס איך ערשטהאנטיג די טיפע השפעה וואס נוירסן קען האבן אויף די געזונטהייט תוצאות פון פאציענטן, און אזוי אויך קען איך די שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון עלטערן ביים נוירסן ביי די ארבעטספלאץ. איך לויב אויס גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייטצו פארברייטערן באשיצונגען ביי די ארבעטספלאץ פאר ארבייטער וועלכע נוירסן דורך אזעלכע פראגראמען וואס נעמען אוועק שטרויכלונגען פאר עלטערן וואס נוירסן, פארברייטערן קאמיוניטי-באזירטע שותפות'ן צו שטיצן פאליסיס און סיסטעמען וועלכע שטיצן נוירסן, און אזוי אויך צו בויען ארייננעמיגע אטמאספערעס וואס שטיצן ארבייטער וואס נוירסן."

**ראטשעסטער אוניווערסיטעט פרעזידענט, סארא מאנגעלסדראף, האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער האקול, די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט און די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט פארן שטיין אין שפיץ פונעם וועג און צושטעלן די מיטלען פאר ארבעטסגעבער ווי די ראטשעסטער אוניווערסיטעט צו צושטעלן זיכערע, ריינע און פריינטליכע פלעצער פאר ארבייטער וועלכע נוירסן אדער נעמען ארויס מילך."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאָו האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר מאמעס צו באקומען שטיצע ווען זיי קערן זיך צוריק צום ארבעטספלאץ נאכן געבוירן א קינד. אין מאנראו קאונטי האבן מיר געמאכט באדייטנדע פאליסי ענדערונגען איבער די פארגאנגענע יאר און מיר האבן אויפגעבויט מילך צימערן ביי 11 פון אונזערע איינריכטונגען. איך בין שטאלץ אז די קאונטי רעגירונג ווערט אנערקענט אלץ א נוירסן-פריינטליכע ארבעטספלאץ. א דאנק פאר די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט און פאר ראטשעסטער אוניווערסיטעט פארן צושטעלן די מיטלען וואס מיר האבן געדארפט דאס צו קענען מאכן געשעהן. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען די שריט צו צושטעלן א מער פאזיטיווע און שטיצנדע ארבעט אטמאספערע פאר מאמעס אריבער ניו יארק סטעיט."

**די New York Statewide Breastfeeding Coalition Policy Committee (ניו יארקע סטעיט-ברייטע נוירסן קאאליציע פאליסי קאמיטע) דירעקטארין, טעריזע לאנדאו, האט געזאגט,** "די קאאליציע אפלאדירט ניו יארק סטעיט פארן טוישן די ניו יארק לעיבאר געזעץ צו פארברייטערן, אויסקלארן און בעסער שטיצן ארבייטער וואס נוירסן ביים ארבעט. פאר ארבייטער וואס נוירסן צו קענען נאכקומען יעצטיגע נוירסן רעקאמענדאציעס און זייערע אייגענע נוירסן ציהלן, איז דאס קריטיש אז זיי זאלן זיין וויסן און פארזיכערט אז זיי וועלן האבן די צייט און פריוואטע פלאץ צו רעגלמעסיג ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ. דער געענדערטער געזעץ און פארלאנגטע פאליסי וועט העלפן אנקומען צו די ציהל."

**מילך צימער פאדערונגען**

אונטער דעם נייעם געזעץ מוזן אלע ארבעטסגעבער צושטעלן א פריוואטע צימער אדער אן אלטערנאטיווע פלאץ וואס איז נישט א בית הכסא צו ארויסנעמען מאמע מילך.

די צימער אדער אנדערע לאקאציע מוז צום ווייניגסטנס:

- זיין נאענט צו די פלאץ וואו די ארבייטער ארבעטן
- זיין גוט באלאכטן דורך נאטורליכע זון שטראלן אדער דורך לייטס
- זיין פריוואט — סיי אז מען זאל נישט קענען אריינזעהן און אויך אז עס זאל נישט געשטערט ווערן
- האבן צוגענגליכע און ריינע קראן וואסער דערנעבנד
- האבן אן עלעקטריציטעט שאלטער (אויב די פלאץ האט עלעקטריציטעט)
- האבן א בענקל
- האבן א דעסק, קליינע טישל, קאונטער אדער אנדערע פלאכע אויבערפלאך.

עס דארף נישט זיין א באזונדערע צימער פאר יעדע ארבעטארין וואס נויריסט. אן ארבעטסגעבער קען באשטימען איין צימער אדער אן אנדערע לאקאציע צו ארויסנעמען מאמע מילך. אויב עס איז דא מער פון איין ארבעטארין אין די זעלבע צייט וואס דארף האבן צוטריט צו א מילך צימער, קען אן ארבעטסגעבער באשטימען איין צענטראלע לאקאציע צו גענוצט ווערן דורך אלע ארבייטער.

**פארלאנגען צו ארויסנעמען מאמע מילך ביים ארבעט**

דער נייער געזעץ פארלאנגט אז ארבעטסגעבער זאלן איבערגעבן א געשריבענע פאליסי פאר ארבייטער איבער די רעכטן וואס זיי האבן אונטער דעם געזעץ מיטן ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ. ארבעטסגעבער מוזן איבערגעבן די פאליסי פאר יעדע ארבעטער ווען זיי ווערן אויפגענומען, איינמאל א יאר דערנאך און נאכאמאל פאר ארבייטער וועלכע קערן זיך צוריק צום ארבעט נאכן האבן א קינד.

ארבייטער וועלכע ווילן פארלאנגען א לאקאציע צו ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ זאלן דאס טוהן דורכן אריינגעבן א געשריבענע פארלאנג צו זייער דירעקטער אויפזעהער אדער מענטש וואס ווערט באשטימט דורך דעם ארבעטסגעבער זיך צו אפגעבן מיט אזעלכע פארלאנגען. ארבעטסגעבער מוזן ענטפערן אויף די פארלאנג פאר א צימער אדער אנדערע לאקאציע צו ארויסנעמען מאמע מילך אין שריפט ביז פינף (5) טעג.

**נוצן די צייט פון הפסקה צו ארויסנעמען מאמע מילך**

אונטער דעם יעצטיגן געזעץ מוזן אלע ארבעטסגעבער ערלויבן ארבייטער צו נוצן א שכל'דיגע אומבאצאלטע הפסקה צו ארויסנעמען מאמע מילך ביי די ארבעטספלאץ. די צייט מוז געגעבן ווערן פאר ביז דריי יאר נאכן האבן א קינד. הפסקות מוזן געגעבן ווערן צום ווייניגסטנס יעדע דריי שעה אויב פארלאנגט דורך די ארבעטארין, און יעדע איינס דארף זיך ציהען צום ווייניגסטנס 20 מינוט. ארבייטער קענען אויסנוצן די צייט פון זייער באצאלטע הפסקות אויב זיי ווילן, אבער זיי מוזן נישט. ארבעטסגעבער זענען פארבאטן דורך דעם געזעץ צו דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען פון אן ארבעטארין וואס וויל ארויסנעמען מאמע מילך ביים ארבעטספלאץ.

באזוכט די [NYSDOL וועבזייטל] פאר מער אינפארמאציע, אריינרעכענענדיג איבער די נייע פאליסי, אפט-געפרעגטע פראגן און ארבעטסגעבער/ארבייטער אינפארמאציע בלעטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]